# עונג שבת



**גוט שבת אלע אידן.** אין די וואכעדיגע סדרה באפעלט דער אויבערשטער פאר אהרן הכהן אנצוצינדען די מנורה אין דעם משכן. עס שטייט אין די הייליגע תורה א לשון פון ״בהעלותך״ – ווען דו צינדסט אן. לכאורה וואלט געדארפט צו שטיין אין פסוק דאסווארט ״בהדלקתך״. פארוואס שטייט עס אין די תורה ״בהעלותך״? איז רש״י מסביר אז דער שורש פון דעם ווארט ״בהעלותך״ איז פון ״עלה״ – ארויפגיין. זאגט רש״י ״בהעלותך״ איז א לשון פון ארויפגיין אז אהרן הכהן דארף אנצינדען ביז דער פלאם וועט ארויפגיין פון זיך אליינס.

דאס ווארט ״בהעלותך״ איז אפשר מרמז אויף נאך א טיפער ענין וואס איז נוגע אין אונזער טאג–טעגליכע לעבן. שלמה המלך ע״ה זאגט ״נר ד׳ נשמת אדם וכו׳״ (משלי כ,כז) ד״ה, די נשמה ווערט אנגערופן א ״נר״ – א לעכט. אויב אזוי, קען מען אפשר טייטשן דעם פסוק אזוי: ״...בהעלותך את הנרות וכו׳״ מיינט אז ווען מען צינד אן די נשמה, איז נישט גענוג סתם אנצוצינדען, נאר מען דארף מאכן זיכער אז די נשמה זאל ברענען פון זיך אליינס. דאס איז א בחינה פון ״...אל תאמן בעצמך עד יום מותך.״ (אבות ב,ד) דאס מיינט צו זאגן אז מען זאל שטרעבען אייביג העכער אין עבודת ה׳, כדי דער פלאם פון דער נשמה זאל ברענען הויך, ד״ה ״...בהעלותך את הנרות וכו׳״. איז לאמיר דערציילן גאר אן אינטערעסאנטען מעשה וואס וועט אונז מעורר זיין צו שטייגן אין עבודת ה׳.

אילן כהן, (נישט זיין עכטע נאמען) איז אויפגעוואקסן א פרייע ספרד׳ישע איד אין ארץ ישראל. נעבאך אילן האט קיינמאל נישט באקומען א ריכטיגע אידישע חינוך. די חילוני׳ישע סקולס אין ארץ ישראל זענען נישט אסאך בעסער ווי די פאבליק סקולס אין אמעריקע. בקיצור, אילן האט נישט געוואוסט די אלף–בית פון אידישקייט, ביז איין טאג ווען אלעס האט זיך געטוישט נאך א מורא׳דיגע השתלשלות. איז לאמיר דערציילן די אינטערעסאנטע השתלשלות ווי אזוי אילן איז געווארן א בעל תשובה.

אזוי ווי כמעט אלע פרייע אידן אין ארץ ישראל, האט אילן געדינט אין דעם מיליטער. אילן איז ארויסגעקומען פון מיליטער מיט א ביטערן טעם אין זיין מויל פון די פרייע לעבן אין ארץ ישראל. אילן האט געזוכט זיין ציל אין לעבן. וויבאלד ער האט נישט געוואוסט פון אידישקייט, האט ער געטראכט אז עס איז דא וואס צו טרעפן אין אנדערע רעליגיעס, ה׳ ירחם. נעבאך ער איז געפארן קיין אינדיע (הודו) כדי זיך צו אינטערעסירן אין די אלע טמא׳נע עבודה זרות וואס געפינען זיך דארט אין יענע עק וועלט.

עס האט איין עבודה זרה פון יענע ארט זייער געפעלן אילן, און נאך א קורצער צייט איז ער אפילו געווארן א שטיקל גלח רח״ל. נישט נאר דאס, אבער אילן האט אפילו אריינגעברענגט אסאך פרייע אידן צו דער עבודה זרה. (ווייל אסאך פרייע חברה פון א״י קומען באזוכן אין אינדיע). נאך א לאנגע צייט וואס ער האט זיך געדרייט אין אינדיע, האט דער הויפט גלח אהיימגעשיקט אילן קיין א״י כדי ער זאל קענען עפענען א סניף פון יענער עבודה זרה אין ארץ הקדושה, רחמנא לשזבן!

באלד דערנאך איז אילן טאקע אהיימגעפארן קיין א״י. ער האט באשלאסן אז ער וועט עפענען די סניף אין טבריה. ער איז געפארן דארט אויסצוזוכן א גוטע פלאץ אויפצושטעלן דער קירכע פון דער עבודה זרה. אילן האט גערופן א ריעל עסטייט עגענט כדי צו טרעפן א פאסיגען בנין. דער עגענט האט ארומגעפירט אילן צו אסאך בניינים. ווען זיי זענען געגאנגען לעבן א נייע געגענט וואו זיי האבן געהאלטן אין מיט׳ן בויען נייע בניינים, איז א מורא׳דיגע אומפאל געשען. א גרויסע ציגעל איז אראפגעפאלן פון הויך אויף אילן׳ס קאפ. אפילו דער מצב האט אויסגעקוקט ״צו שפעט״, האט הצלה גערופן א העליקאפטער צו פירן אילן קיין חיפה צו א בעסערע שפיטאל, וואו זיי וועלן האבן א בעסערע געלעגענהייט צו ראטעווען זיין לעבן. ליידער אבער איז עס טאקע געווען צו שפעט פאר אילן. ער האט שוין צוריקגעגעבן זיין נשמה בשעת די ציגעל איז אראפגעפאלן. אין שפיטאל האבן זיי אוועקגעלעגט אילן אין א געוויסען שטוב, און זיי האבן אנגעהויבן זוכן זיין משפחה. בערך זעקס שעה שפעטער איז א מורא׳דיגע זאך געשען. אילן האט זיך אויפגעוועקט אין יענעם שטוב. ער האט געמיינט אז ער חלומ׳ט ווייל ער האט נישט געוואוסט וואו ער איז. דאן האט ער אנגעהויבן צו שפירן דעם וויי–טאג פון דעם קלאפ אויף זיין קאפ. ער האט אנגעהויבן צו מאכן קולות. דער שומר האט כמעט גע׳חלש׳ט פון גרויס פחד. ווען דער שומר איז געקומען צו זיך, האט ער גערופן די דאקטוירים און זיי האבן צוריקגעברענגט אילן צו דעם עמערדזשענסי ראם. זיי האבן געמאכט אסאך אפעראציעס, און ער איז געווארן אויסגעהיילט, ב״ה.

אילן איז געבליבן אין שפיטאל עטליכע חדשים. אין שפיטאל האט ער געהאט אסאך צייט כדי דורכצוטראכטען וועגן זיין לעבן. אילן האט גענומען צו פארציילן אז אין די זעקס שעה וועלכע ער איז באטראכט געווארן פאר א טויטער, איז ער ארויף צום עולם האמת. אילן האט נישט געוואלט דערציילן אלע פרטים וואס ער האט געזען אין עולם העליון אין די זעקס שעה. אבער, איין זאך איז קלאר געווען פאר אילן, אז עס איז פארהאנען אזא זאך ווי דין וחשבון.

באלד דערנאך, האט אילן זיך מיישב געווען אז ער לאזט אפ דער עבודה זרה און ער וויל גיין אויפ׳ן אידיש׳ן וועג. צוביסלעך האט אילן געלערנט מער און מער וועגן אידישקייט און ער איז געווארן מער און מער פרום. ביים אנהייב ווען ער איז ערשט געווארן א שומר שבת, פלעגט אילן גיין אויף שבת׳ים צו פרומע משפחות. איין פרייטאג ערב שבת איז אילן געפארן קיין ירושלים צו זיין שבת ביי א ספרד׳ישע משפחה. דער בעל הבית האט אריינגענומען אילן מיט א ווארמען ״שלום עליכם.״ ער האט אוועקגעשטעלט אילן אין דעם גאסט שטוב און ער האט אים מכבד געווען מיט אביסל טעמיה, און נאכדעם איז דער בעל הבית ארויסגעגאנגען פון שטוב כדי צוגרייטן פאר שבת קודש.

פלוצלינג האט דער בעל הבית געהערט א קראך פון דעם גאסט צימער וואו אילן איז געווען. דער בעל הבית איז אריינגעלאפן און ער האט געטראפן אילן ליגענדיג אויפ׳ן פלאר, פונקט ווי ער וואלט גע׳חלש׳ט. ווען ער איז צוגעקומען, האט אילן דערציילט פאר׳ן בעל הבית וואס איז געשען. אויפ׳ן וואנד פונעם גאסט צימער איז געווען א בילד פון א צדיק. אילן האט געפרעגט וועלכער צדיק עס איז, און דער בעל הבית האט געענטפערט אז דער צדיק איז דער ״בן איש חי״, הרה״צ ר׳ יוסף חיים זצ״ל פון באגדד וואס איז נפטר געווארן בערך תרס״ט. ער האט דאן מסביר געווען פארוואס ער האט גע׳חלש׳ט. ווייל דער בן איש חי איז געווען איינער פון די דריי רבנים אין דעם בית דין של מעלה, ווען ער איז געווען אויבן אין הימעל די זעקס שעה. דער בן איש חי און די אנדערע דיינים האבן געפסק׳נט אז אילן זאל צוריקגעשיקט ווערן צו דער וועלט, אין די זכות וואס אילן איז געווען אן אייניקל פון א געוויסען גרויסען רב. (געהערט פון ר׳ אמנון יצחק שליט״א)

פון דעם מורא׳דיגען מעשה קען מען זיך מעורר זיין צו שטרעבען אייביג העכער אין עבודת ה׳ אזוי ווי עס שטייט ״...בהעלותך את הנרות וכו׳״ אז ווען מען צינד אן די נרות, ד״ה די נשמה, דארף מען מאכן זיכער אז די נשמה זאל ברענען פון זיך אליינס. **גוט שבת אלע אידן.**

**<u>מזל טוב לכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א לרגל שמחת נשואי נכדיו, בניהם של חתנו הרה״צ רבי אברהם יושע העשל שליט״א ובנו הרה״צ רבי יצחק שליט״א</u>**

**<u>רפואה שלימה להרה״צ רבי יעקב יוסף בן חי׳ חנה שליט״א בתוך שאר חולי ישראל</u>**

לעילוי נשמת ר׳ יצחק בן ר׳ משה יודא ע״ה ״איש צדיק היה...״

מזל טוב למוה״ר חיים לונגער הי״ו לרגל שמחת לידת נכדתו אצל חתנו מוה״ר אברהם ברויער הי״ו

לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר׳ דוד ע״ה כ׳ שבט תשס״ג • לעילוי נשמת ר׳ נח בן ר׳ יודא ז״ל

שתיקה יפה בשעת התפילה *״כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן.״* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי׳ וואלפבערג 3234-362(845)